## יום ה׳ פ׳ דברים, ד׳ מנחם-אב ה׳תש״מ

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

מ׳האט זיך דאך צוזאמענגעקליבן דערפאר וואס מ׳געפינט זיך אין די ניין טעג, אין דעם אנהויבס פון חודש מנחם-אב.

וואס ער ווערט אנגערופן **מנחם** אב –וואס אין מ׳טרייסט אידן אין דעם חודש, דערפאר וואס דאס איז א חודש וואס מ׳האט די הבטחה, דעם צוזאג פון דעם אויבערשטן אז ״והפכתי אבלם לששון״, אז ער וועט גאר אינגיכן איבערקערן און איבערבייטן, אז אנשטאט פון ניט קיין פריילעכע טעג, וועט דאס ווערן ״ששון״, פריילעכע טעג.

און מען דארף דערצו נאר האבן אז אידן זאלן טאן וואס הענגט אפ אין זיי אויף מבטל זיין די סיבה וואס האט געבראכט צו דער ניט-פריילעכקייט. וואס דאס איז ווי מ׳זאגט – ״**מפני** חטאינו גלינו מארצנו״: דאס וואס ס׳איז דא די זאך פון גלות, איז דאס פארבונדן וואס אידן האבן זיך אויפגעפירט אמאל ניט ווי עס דארף צו זיין,

און דורך דעררויף וואס מ׳טוט תשובה, פאר זיך, און פאר א צווייטן אידן, און פאר די פריערדיקע דורות – איז מען מבטל דעם ״חטאינו״, איז דאך זעלבסטפארשטענדליך, אז ס׳ווערט בטל דער גלות, און מ׳קערט זיך אום אין ארצנו הקדושה.

און וואס נאכמערער: אז ס׳ווערט אין אן אופן פון ״ששון״, נאכמער פריילעכער ווי ס׳איז געווען פריער. ווי ס׳שטייט אויך אין תורה אז אינגיכן ווען משיח וועט קומען, ברענגענדיק מיט זיך די גאולה האמיתית והשלימה, די אמת׳ע און פולקאמענער גאולה, וועלן דעמאלט ״יהפכו ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים״, וועלן די טעג איבערגעקערט ווערן אז ס׳זאל זיין גוטע טעג און פריילעכע טעג, מערער ווי איינפאכע טעג פון א גאנץ יאר.

ווארום דאס קומט דורך דעררויף וואס אידן טוען תשובה, מאכט מען ״יתרון האור מן החושך״ און ״יתרון החכמה מן הסכלות״, אז מ׳מאכט נאך א גרעסערע ליכטיקייט און א גרעסערע קלוגשאפט, פארבונדן מיט די אמת׳ע חכמה, וואס דאס איז תורה, און וואס אין איר איז אויך אנגעוויזן ווי אזוי מ׳דארף זיך אויפפירן אין א קלוגן אופן, דורך מקיים זיין מצוות.

דאס איז דאך אזוי בנוגע צו יעדער אידן, סיי א מאן, סיי א פרוי, סיי קינדער; אבער ביי קינדער איז דא נאך א ספעציעלער אנזאג, און א ספעציעלע חשיבות און וויכטיקייט:

ווי ס׳ווערט דערציילט אין מדרש: אז ווען האט זיך אנגעהויבן דעם גלות?

איז בשעת מ׳האט אוועקגעפירט אין גלות די סנהדרין, וואס זיי זיינען דאך געווען די עלטערע און די באַהאַוועסטע אין תורה און מצוות, און זיי זיינען געווען די אנפירער פון דעם גאנצן אידישן פאלק – איז נאך דער אויבערשטער געווען אין ירושלים און אין ביהמ״ק,

אפילו אז ס׳איז אוועק אין גלות אויך די ״משמרות״, די ״משמרות״, די איינטיילונגען, די אנפירער מיט די משפחות וואס האבן אנגעפירט מיט כהונה און מיט לוי׳, מיט די כהנים און לויים, וואס זיי זיינען דאך געווען אויסגעקליבן, אלס פארשטייער פון דעם גאנצן אידישן פאלק, אויף צו דינען דעם אויבערשטן און



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת דברים

מקריב זיין קרבנות אין מקדש – איז נאך אלץ אפילו נאך דערויף וואס זיי זיינען ארויס אין גלות איז נאך אלץ דער אויבערשטער געבליבן אין ירושלים און אין ביהמ״ק,

בשעת אבער "עוללים הלכו לפני צר", בשעת די תינוקות של בית רבן, בשעת אידישע קינדער זיינען אוועק אין גלות – אט דעמולט איז אויך הקב"ה, דער אויבערשטער אויך געגאנגען מיט זיי צוזאמען אין גלות.

וואס דערפון פארשטייט מען דאך אז כל זמן אידישע קינדער האלטן זיך אין אידישקייט, אין "ירושלים" און אין "בית-המקדש" – קען זיך נאך ניט אנהויבן דער אמת׳ער גלות, ווי דערציילט פריער אז דער אויבערשטער געפינט זיך אין ירושלים און אין ביהמ״ק.

ואדרבה: וויבאלד אז די קינדער זיינען נאך אין ירושלים און אין מקדש – ברענגט מען אויך צוריק די סנהדרין און די משמרות כהונה ולוי׳ און דעם גאנצן אידישן פאלק,

און דאס הענגט נאר אפ, אז די קינדער זאלן ניט גיין גלות.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז צום אלעם ערשטן און דאס העכסט-וויכטיקסט אז ס׳זאל בטל ווערן די גלות און מ׳זאל צוריק זיין אין ירושלים און אין ביהמ״ק, אין אן אופן פון גאולה, הויבט זיך דאס אן און דיר וויכטיקסטע דערביי איז – אז אידישע קינדער זאלן ברוחניות גלייך אוועקשטעלן זיך אין ירושלים און אין ביהמ״ק,

דורך לערנען תורה, וואס דאס איז פארבונדן מיט סנהדרין, און אין ביהמ״ק, וואס דארט איז געווען דער "לשכת הגזית"

מקיים זיין מצוות, און מאכן פון יעדער זייער אויפפירונג א קרבן צו דעם אויבערשטן – אז דאס גיט ער אפ דעם אויבערשטן זיינע טועכצן, זיינע רייד, און זיין טראכטן, "כל מעשיך יהיו לשם שמים".



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.